בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת
גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת
דברים
ח מנחם-אב
שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 2, גליון 30
(45)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב




שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מְבֶּערְגִיר וְעָנִי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

**אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בֶּערְגֶער. אוּן הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט אִיר אִין אַ גְרוּבּ וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען רֶעגִין וַואסֶער. בִּיז דֶער רַעַשׁ וֶועט אִיבֶּער גֵיין. אוּן עֶר הָאט דָארְט מִיט אִיר גִיזָאמְט צְוֵוי טָאג.**

## אַ גְרוּבּ וָואס דָארְט אִיז דָא רֶעגְן וַואסֶער

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד וָואס אִיז אַן עֵצָה פַאר אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן אִים שְׁלֶעכְטְס טוּן, אָדֶער פוּן זַיין יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְט אִין אִים און ווִיל אִים מַכְשִׁיל זַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; אָדֶער זֶעט דֶער מֶענְטְשׁ ווִי אַלֶעס גֵייט אִים פַארְקֶערְט ווִי גֶערָאכְטְן, קַיין שוּם זַאךְ גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, אָדֶער אַז עֶר שְׁפִּירְט ווִי דִי אֱמוּנָה אִיז אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט רַחֲמָנָא לִצְלָן - אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן גֶעבְּט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה, אַז עֶר זָאל זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַ גְרוּבּ וָואס דָארְט אִיז דָא רֶעגְן וַואסֶער, דָאס הֵייסְט עֶר זָאל גֵיין זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין מִקְוֶה, וואוּ עֶס אִיז דָא פֶערְצִיג סְאָה רֶעגְן וַואסֶער, און דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי שֵׁדִים און קְלִיפּוֹת, אַזוֹי וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן בַּאשַׁאפְט עֶר דוּרְכְדֶעם קְלִיפּוֹת און מַזִּיקִים וָואס טְשֶׁעפֶּען און דֶערְבִּיטֶערְן אִים זַיין לֶעבְן, אָבֶער אַז עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים אַלֶע מַזִּיקִים און קְלִיפּוֹת, און עֶר וֶוערְט אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

<<<

## חִיעוּךְ ווִיינְקֶל
מַסֶּכֶת יוֹמָא דַף ט' [חֵלֶק א]; אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

### נִישְׁט נָאר וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמְט

הַלְוַואי זָאל יֶעדֶע נַאכְט אַזוֹי אוֹיסְקוּקְן דֶער שִׁיעוּר, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, נִישְׁט נָאר וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמְט זָאל מֶען קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר. פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאט מִיר ... נֵרוֹ יָאִיר גֶערוּפְן אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּם סִיּוּם, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיז כָאטְשׁ דָא 'מְזֻמָּן' בַּיים שִׁיעוּר, עֶס קוּמֶען כָאטְשׁ דְרֵיי מֶענְטְשְׁן צוּם שִׁיעוּר שִׁיעוּר?!" הַלְוַואי זָאל יֶעדֶער קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, אַז מֶען בּוֹיעֶט אַ שְׁטָאט קֶען עֶס נָאר הָאבְן אַ קִיּוּם אוֹיבּ מֶען קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען, צוּפְרִי, בַּיינַאכְט אָדֶער אִינְמִיטְן טָאג; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר דָא גֶעטְרָאפְן אַ חַבְרוּתָא לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, ... מִיט ... הָאבְן גֶעלֶערְנְט צוּזַאמֶען. וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דָא קוּמְט דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם, הַלְוַואי זָאל יֶעדֶער קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, אַ שְׁטָאט דַארְף זַיין גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף תּוֹרָה - נָאר אַזוֹי וֶועט עֶס הָאבְן אַ קִיּוּם.

עֶס אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶּה צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא; אַז מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג און מֶען קוּמְט נָאכְדֶעם אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען - אִיז עֶס אַ אַנְדֶערֶע לֶעבְן.

### רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן תּוֹרְתָא

גְּמָרָא: "**אָמַר רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן תּוֹרְתָא: מִפְּנֵי מַה חָרְבָה שִׁילֹה?**" רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן תּוֹרְתָא הָאט גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִשְׁכַּן שִׁילֹה?" "**מִפְּנֵי שֶׁהָיוּ בָּהּ שְׁנֵי דְבָרִים, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּבִזָּיוֹן קָדָשִׁים!**", "צוּלִיבּ צְוֵויי עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת און פַארְשֶׁעמֶען קָדָשִׁים!"

עֶטְץ קֶענְטְס דִי מַעֲשֶׂה פוּן 'רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן תּוֹרְתָא', וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען, קוּקְט אַרַיין אִין 'תּוֹסְפוֹת יְשָׁנִים' עֶר צֵייכֶענְט צוּ אַ מֶדְרָשׁ, עֶס אִיז זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, דִי מְלַמְּדִים וֶועלְן הָאבְן וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער; דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (פְּסִיקְתָא רַבָּתִי פֶּרֶק יד) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ קוּ, דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן אָרֶעם הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין קוּ און עֶס פַארְקוֹיפְט פַאר אַ גוֹי, דֶער גוֹי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם קוּ און גֶעאַקֶערְט דֶערְמִיט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אוּם שַׁבָּת הָאט עֶר אִיר אוֹיךְ גֶענוּמֶען צוּם פֶעלְד זִי זָאל אַקֶערְן, אָבֶער דָאס קוּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַקֶערְן, נָאר זִי הָאט גֶעהוֹיעֶרְט און זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, הָאט דֶער גוֹי אִיר אָנְגֶעהוֹיבְן שְׁלָאגְן זִי זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, אָבֶער זִי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט פוּן אָרְט, אִיז דֶער גוֹי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם אִיד און גֶעזָאגְט: "נֶעם צוּרִיק דַיין קוּ אֶפְשָׁר הָאט זִי צַעַר דֶערְפַאר ווִיל זִי נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּיי מִיר, דֶער אִיד הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס קוּ ווִיל נִישְׁט אַרְבֶּעטְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס זִי אִיז צוּגֶעווָאוּנְט זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן אוּם שַׁבָּת, וַוייל פַאר אַ אִיד אִיז אָסוּר צוּ אַרְבֶּעטְן אוּם שַׁבָּת און אֲפִילוּ זַיינֶע

הָאט זִי גִיזֶעהְן דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט פוּן אִירֶעט וֶועגְן. אוּן דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט אִיבֶּער אִיר. הָאט זִי גִישְׁוואוֹירִין בַּיי גָאט. אַז גָאר אִיר מַזָל וָואס זִי הָאט. אֶפְשֶׁר הָאט זִי עֶפֶּעס אַמַזָל. אַז זִי זָאל הָאבִּין גְרוֹיס גְדוֹלָה. אוּן הַצְלָחָה. זָאל גָאר אִיר הַצְלָחָה. נִיט זַיין פַּארְמִיטִין פוּן אִים (דְהַיְינוּ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) אוּן אַז עֶר וֶועט וֶועלִין זִיךְ נֶעמֶען גָאר אִיר הַצְלָחָה מִיט אִיר גְדוֹלָה. אוּן זִי זָאל בְּלַייבִּין אַזוֹי וִוי פְרִיר. זָאל עֶס פוּן אִים גָאר נִיט פַּארְמִיטִין זַיין.

## נִישְׁט פַּארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט פַּארְדֶעם

דָאס דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם צַדִיק וָואס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶעם אָרֶעמַאנְ'ס וַוייבּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט צוּם בֶּערְגִיר אַז וִוי וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן צוּ אִיר.

אַ מֶענְטְשׁ טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּארְגֶעסְן וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם צַדִיק, עֶר דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיידֶער עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם צַדִיק, וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן, פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, וִוי אַזוֹי זַיין 'שָׁלוֹם בַּיִת' הָאט אוֹיסְגֶעזֶען, וִויפִיל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן זִיךְ אוּמְקוּקְן צוּ וָואס דֶער צַדִיק הָאט אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט, וִויפִיל 'תּוֹרָה' עֶר הָאט אַלְץ גֶעלֶערְנְט זַייט עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם צַדִיק, וִוי שֵׁיין זַיין 'שָׁלוֹם בַּיִת' אִיז גֶעוָוארְן, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זַיין וַוייבּ, וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּגֶעוואוֹינְט בַּיים צַדִיק אוּן פַּארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט פַּארְדֶעם, נָאר שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק, חַזֶר'ן אוּן פָּאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים.

בֶּעפָאר אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם צַדִיק הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, נִישְׁט קַיין 'תּוֹרָה', נִישְׁט קַיין 'דַאוֶוענֶען', נִישְׁט קַיין 'שָׁלוֹם בַּיִת', קוּמֶענְדִיג צוּם צַדִיק וֶוערְט עֶר אָנְגֶעפִילְט בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט מִיט אַלֶע גוּטְס, אוּן פְלוּצְלִינְג פַּארְגֶעסְט עֶר אִינְגַאנְצְן פוּן וואוּ עֶר קוּמְט, עֶר הֵייבְּט אָן חוֹזֶק מַאכְן פוּנֶעם צַדִיק; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גֶעמֵיינֶע מִדָה, וֶוער בִּיסְטוּ?! הָאסְט אִינְגַאנְצְן פַּארְגֶעסְן וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען נֶעכְטְן?! דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ דָאךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר דִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן הַיינְט מַאכְסְטוּ חוֹזֶק פוּן אִים?!

לוּשְׁמִיר וִוי נֶעמְט מֶען דָארְט עֵדוּת. הָאט זִי גִינוּמֶען דֶעם גְרוּבּ פַאר אֵיין עֵדוּת. נָאךְ צְוֵויי טָאג. אִיז עֶר מִיט אִיר פוּן דָארְט אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אוּן אִיז וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר אִיז מִיט אִיר וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט. אִין דֶעם אָרְט. זוֹכְט מֶען זִי אוֹיךְ. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין נָאךְ אַמָאל אִין אַ מִקְוֶה. הָאט זִי זִיךְ דָארְט וִוידֶער אַמָאל דֶערְמַאנְט. דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ. אוּן דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט פוּן אִירֶעט וֶועגִין. הָאט זִי נָאךְ אַמָאל גִישְׁוואוֹירִין. אַזוֹי וִוי פְרִיר. אַז גָאר אִיר מַזָל וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן הָאט גִינוּמֶען דִי מִקְוֶה צוּ עֵדוּת. זֶענֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען אַ קֶעגִין צְוֵויי טָאג. אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען. אוּן זֶענֶען וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר וִוידֶער פַארְשְׁטַאנֶען. אַז מֶע זוּכְט דָא אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ וִוידֶער מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל. וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר אַלֶע מָאל אִין אֵיין אַנְדֶער אָרְט בַּאהַלְטִין דְהַיְינוּ אִין זִיבְּן אִירְלֵיי וַואסֶערִין. דְהַיְינוּ אִין אַ גְרוּבּ מִיט וַואסֶער אוּן אִין אַ מִקְוֶה כַּנַ"ל אוּן אַגַמִים (גִימוֹיזִיכְץ) אוּן אַ קְוָואל אוּן נְחָלִים (רִיטְשְׁקֶעס) אוּן נְהָרוֹת (טַייכִין) אוּן יַמִים. אוּן אִין אִיטְלִיכְן אָרְט וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאהַלְטְן. הָאט זִי זִיךְ אַלְץ דֶערְמַאנְט אִין זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט פוּן אִירֶעט וֶועגִין אוּן זִי הָאט אִים גִישְׁוואוֹירִין אַלְץ. אַז אִיר מַזָל וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן זִי הָאט אַלֶע מָאל גִינוּמֶען דָאס אָרְט צוּ עֵדוּת כַּנַ"ל. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלְץ אַזוֹי גִיגַאנְגֶען אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַלֶע מָאל בַּאהַאלְטִין אִין דִי עֶרְטֶער (הַנַ"ל) בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם. וִוי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם. אוּן דֶער בֶּערְגֶער אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר. אוּן עֶר הָאט גִיוואוּסְט דִי גֶענְג אוֹיף דֶעם יַם הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁנִיטְן עֶר זָאל קוּמֶען אִין זַיין מְדִינָה אַרַיין בִּיז עֶר אִיז אִיבֶּער גִיפָארִין דֶעם וֶועג אוּן אִיז אַהֵיים גִיקוּמֶען מִיט דֶעם אָרוּם מַאנְס וַוייבּ. אוּן הָאט זִי אָפּ גִיבְּרַאכְט דֶעם אָרוּם מַאן. אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

## דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה

וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה פַאר אַ מַאן אוּן אַ פְרוֹי אַז זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה אוּן זֵיי לֶעבְּן צוּזַאמֶען; דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה בַּיים אָרֶעמַאן אוּן זַיין וַוייבּ אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּרִיק צוּזַאמְגֶעטְרָאפְן אִינְאֵיינֶעם. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פַאר'ן בֶּערְגִיר, וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִיק, וַוייל דֶער צַדִיק אִיז עוֹסֵק מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען 'שָׁלוֹם בַּיִת' בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענֶער צוּ זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער אוּן פְרוֹיעֶן צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער. דֶערְפַאר הָאט דָארְט גֶעהֶערְשְׁט גָאר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה בַּיי יֶעדְן, סֵיי בַּיים אָרֶעמַאן אוּן זַיין וַוייבּ, אוּן סֵיי בַּיים בֶּערְגִיר, דֶער צַדִיק, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵיי צוּרִיק צוּזַאמְשְׁטֶעלְן אִינְאֵיינֶעם.

## דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס אִיז נָאר אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיל

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְסוֹד אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אַז טַאטֶע מַאמֶע זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אִינְאֵיינֶעם אוּן רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת. עֶלְטֶערְן מֵיינֶען אַז קִינְדֶער

בַּאמֶערְקְן נִישְׁט צִי זֵיי קוּמֶען זִיךְ אוֹיס צְוִוישְׁן זִיךְ, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז קִינְדֶער בַּאמֶערְקְן גָאר אַסַאךְ, קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע רִיר צְווִישְׁן טַאטֶע מַאמֶע, קִינְדֶער וֵוייסְן זֵייעֶר גוּט צִי טַאטֶע מַאמֶע פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ אוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אָדֶער נִישְׁט. אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר פַּארְוֵוייטָאגְטֶע בְּרִיוו פוּן אַ תַּלְמִידָה, זִי שְׁרַייבּ אִיר טַאטֶע אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אוּן נֶעמְט אַרַיין גֶעסְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת, אוּן עֶר רֶעדְט בְּשַׁעַת דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה צוּ זֵיי אִיבֶּער 'שָׁלוֹם בַּיִת', אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע יְסוֹד בַּיים רֶבִּי'ן, אַז מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ וְכוּ', שְׁרַייבְּט זִי דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס אִיז נָאר אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיל, עֶר רֶעדְט אַזוֹי שֵׁיין פוּן שָׁלוֹם בַּיִת בְּשַׁעַת עֶר טוּט דָאס פַארְקֶערְטֶע.

און דֶער בֶּערְגֶער. דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גִיטָאן אַזוֹי אַזַאךְ. און דֶערְצוּ אִיז עֶר עֹמֵד בְּנִסָיוֹן (בַּיי שְׁטַאנֶען בַּיי דֶער פְּרוּב) מִיט אִיר (דְהַיְינוּ וָואס עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט און הָאט זִי נִיט אָנְגִירִירְט) דֶערְפַאר אִיז עֶר נִפְקַד גִיוָוארִין (דְהַיְינוּ גִידַאכְט גִיוָוארִין בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ) און עֶר הָאט גִיהַאט דָאס יָאר אַ זוּן, און זִי אוֹיךְ דְהַיְינוּ דֶעם אָרוּ מַאנְס וַוייבּ דֶערְפַאר וָואס זִי אִיז בַּאשְׁטַאנֶען אִין אַזוֹי אַ נִיסָיוֹן מִיט דֶעם יֶעדְנִירַאל און מִיט אִים. דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גִיוֶועזְן און זִי הָאט גִיהַאט אַ טָאכְטֶער.

## עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן, זָאלְן אַלֶע הֶערְן!!! ...״

בֵּיידֶע הָאבְּן יֶעצְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת, יְשׁוּעָה, אוֹת טז): ״כְּשֶׁאָדָם בָּא לְאֵיזֶה נִסָּיוֹן, יֵדַע כְּשֶׁיַּעֲמוֹד בְּזֶה הַנִּסָּיוֹן, שֶׁהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ נֵס״, וֶוען עֶס קוּמְט אַ נִסָיוֹן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר וִויסְן אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר בֵּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָיוֹן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מַאכְן אַ נֵס; דֶערְפַאר, וִויבַּאלְד בֵּיידֶע זֶענֶען בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, בַּיים בֶּערְגִיר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ זוּן און בַּיים אָרֶעמַאן אַ טָאכְטֶער.

צוּמָאל וַוארְט אַ מֶענְטְשׁ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער אָדֶער מִיט גֶעזוּנְט וְכַדוֹמֶה, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לַאנְגֶע טֶעג, וָואכְן און יָארְן, און עֶר זֶעט נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה, עֶר שְׁטֵייט און וַוארְט 'וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן?' דַארְף עֶר וִויסְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין דֶערְגְרַייכְן צוּ דִי צָאל תְּפִלּוֹת אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶרְוַוארְט פוּן אִים - וֶועט עֶר אָבֶּער קוֹדֶם דַארְפְן דוּרְכְגֵיין אַ 'נִסָיוֹן', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים קוֹדֶם אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין נִסָיוֹן, און דַאן אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ טַאקֶע שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיין נִסָיוֹן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְוַוארְטֶעטֶע יְשׁוּעָה.

דִי שְׁוֶוערְסְטֶע חֵלֶק פוּן דִי נִסָיוֹן אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז זַיין יְשׁוּעָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם נִסָיוֹן, מֶען מֶעלְדְט אִים נִישְׁט פָארְאוֹיס פוּן הִימְל אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶעם נִסָיוֹן וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, דֶערְפַאר אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נִסָיוֹן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ; אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל און עֶר שְׁטַארְק זִיךְ אִיבֶּער זַיין נִסָיוֹן - דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ זַיין עֶרְוַוארְטֶעטֶע יְשׁוּעָה און אוֹיבּ עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער זַיין נִסָיוֹן חַס וְשָׁלוֹם - דַאן וֶועט עֶר נָאךְ דַארְפְן וַוארְטְן אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה.

אַוַודַאי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְנָאךְ, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעבְּט מֶען אִים פוּן הִימְל שְׁטֶענְדִיג נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶעם נִסָיוֹן, און וִוי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין יְשׁוּעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סח) אַז כַּעַס און גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, און יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ רַייכְטוּם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע - וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן רַייךְ - און עֶר בְּרֶענְגְט אִים אַ נִסָיוֹן פוּן כַּעַס, און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף פַארְלִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען; כַּעַס אִיז אָבֶּער אַזַא שְׁטַארְקֶע נִסָיוֹן אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דִי כַּעַס וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין עֲשִׁירוּת - דָאךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף.

דָאס קֶען מֶען זֶען בְּחוּשׁ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּכַּעַס אִיז עֶר גְרֵייט אַלֶעס צוּ פַארְלִירְן, דֶעמָאלְט גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר רֶעגְט אוֹיף און הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן און מַאכְן קוֹלוֹת, זָאגְט מֶען אִים: ״אַלֶע שְׁכֵנִים הֶערְן וִוי דוּ שְׁרֵייעֶסְט, דוּ וֶוערְסְט פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען״, עֶנְטְפֶערְט עֶר: ״עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן, זָאלְן אַלֶע הֶערְן!!! ...״

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן זַיין יְשׁוּעָה צוּלִיבּ זַיין נִסָיוֹן פוּן 'כַּעַס' אָדֶער אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט ... און הֶעלְף מִיר אוֹיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן און בֵּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָיוֹן וָואס גֵייט קוּמֶען אוֹיף מִיר אֵיידֶער אִיךְ וֶועל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן״.**

## מֶען דַארְף אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֵיין

עֶטְץ וואוֹינְטְס דָאךְ דָא אִין שְׁטֶעטְל, דָא אִיז אַזוֹי גוּט צוּ זַיין, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, מֶען דַארְף אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֵיין כְּדֵי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּ מֶען שְׁטֵייט און וואוּ מֶען גֵייט הָאט מֶען אַרוּם זִיךְ גְרָאז און בֵּיימֶער, אֲפִילוּ וֶוען דוּ זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים בִּיסְטוּ אוֹיךְ אַרוּם דִי גְרָאז, מֶען דַארְף נָאר אוֹיסְנִיצְן דִי מַתָּנָה און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

בְּהֵמוֹת טָארְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוּם שַׁבָּת, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם גוֹי: "אִיךְ וֶועל אִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן", זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם קוּ, אוּן דֶער אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם קוּ אוּן אַרַיינְגֶערוֹימְט אִין אוֹיעֶר: "קוּ, קוּ, ווִילַאנְג דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין מַיין רְשׁוּת פְלֶעגְסְטוּ אַקֶערְן נָאר אִינְדֶערְוָואכְן אוּן אוּם שַׁבָּת פְלֶעגְסְטוּ זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אָבֶער הַיינְט אַז מַיינֶע עֲבֵירוֹת הָאבְּן צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעדַארְפְט פַארְקוֹיפְן פַאר אַ גוֹי, בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁטֵיי אוֹיף אוּן אַקֶער פַאר דַיין בַּעַל הַבַּיִת", אוּן דָאס קוּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַזַא גְרוֹיסְן בְּרוּם אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען גוּט צוּ אַרְבֶּעטְן. הָאט דֶער גוֹי גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד: "דוּ בִּיסְט אַ כִּשּׁוּף מַאכֶער אַז דוּ רֶעדְטְסְט מִיט אַ קוּ אוּן עֶס הֵייבְּט אַן אַרְבֶּעטְן?" הָאט דֶער אִיד אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין כִּשּׁוּף, נָאר אַ אִיד אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּם שַׁבָּת, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט אַז בִּיז הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִיר בַּעַל הַבַּיִת דֶערְפַאר הָאט זִי נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן אוּם שַׁבָּת, אָבֶער הַיינְט אַז זִי אִיז דַיינְס זָאל זִי יָא אַרְבֶּעטְן אוּם שַׁבָּת", הָאט זִיךְ דֶער גוֹי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ בִּין עֶרְגֶער פוּן אַ קוּ?! אַ קוּ קֶען דָאךְ נִישְׁט רֶעדְן אוּן הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן זִי אַנְעֶרְקֶענְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ - וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן פַארְשְׁטַאנְד אוּן קְלוּגְשַׁאפְט - זָאל נִישְׁט אַנְעֶרְקֶענֶען אִין אִים?! הָאט עֶר זִיךְ מְגַייֵר גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַן אֲמוֹרָא, אוּן מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן תּוֹרְתָא', וַוייל דָאס וָוארְט 'תּוֹרְתָא' אוֹיף אַרַאמִיש טַייטְשְׁט אַ קוּ, דָאס הֵייסְט אַז דוּרְךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם קוּ הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען גֶעוֶוען זִיךְ מְגַייֵר זַיין.

### דוּרְךְ 'שִׂנְאַת חִנָּם' וֶוערְט אַלֶעס חָרוּב

גְּמָרָא: "**אֲבָל מִקְדָּשׁ שֵׁנִי שֶׁהָיוּ עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת וּגְמִילוּת חֲסָדִים, מִפְּנֵי מַה חָרֵב?**" אָבֶער בַּיי דִי צְוֵוייטֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מְקַייֵם גֶעוֶוען אַלֶע מִצְוֹת אוּן מֶען הָאט גֶעטוּן גְמִילוּת חֲסָדִים פַארְוָואס אִיז עֶס חָרוּב גֶעוָוארְן? "**מִפְּנֵי שֶׁהָיְתָה בּוֹ שִׂנְאַת חִנָּם**", וַוייל מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט גֶעהַאט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, "**לְלַמֶּדְךָ שֶׁשְּׁקוּלָה שִׂנְאַת חִנָּם כְּנֶגֶד שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָּמִים**", דִי עֲבֵירָה פוּן שִׂנְאַת חִנָּם אִיז אַזוֹי הַארְבּ וִוי אַלֶע דְרֵיי עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים.

דוּרְךְ שִׂנְאַת חִנָּם וֶוערְט אַלֶעס חָרוּב. אַז מֶען בּוֹיעֶט אַ שְׁטָאט אוּן מֶען ווִיל עֶס זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַנְדֶערֶע; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז 'עֲבוֹדָה זָרָה' אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט דָא, אַלֶע גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'גִּלּוּי עֲרָיוֹת' אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט דָא, יֶעדֶער אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט, יֶעדֶער לֶעבְּט פַאר זִיךְ, 'שְׁפִיכַת דָּמִים' אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט דָא; אָבֶער אַז מֶען זוּכְט צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף יֶענֶעם וֶוערְט פוּן דֶעם אַלֵיינְס חָרוּב אַ פְּלַאץ, מֶען דַארְף זוּכְן צוּ קוּקְן גוּטְס אוֹיף אַנְדֶערֶע, הָאבְּן 'אַהֲבַת חִנָּם', דֶער הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן, דֶער בָּארְגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן, דֶער גֶעבְּט אַ טְרֶעמְפּ (הִיטְשׁ) פַאר אַ צְוֵוייטְן, דֶער גֶעבְּט אַן עֵצָה פַאר אַ צְוֵוייטְן, אוּן וֶוען אֵיינֶער הָאט צַעַר פִילְט מֶען מִיט זַיין צַעַר - אַזוֹי בּוֹיעֶט זִיךְ אַ פְּלַאץ.

### רֵישׁ לָקִישׁ

גְּמָרָא: "**רֵישׁ לָקִישׁ הֲוֵי סָחֵי בְּיַרְדְּנָא**", רֵישׁ לָקִישׁ הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן אִין דֶעם טַייךְ יַרְדֵּן, "**אָתָא רַבָּה בַּר בַּר חָנָה יָהַב לֵיהּ יָדָא**", הָאט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גֶעזֶען וִוי עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן טַייךְ הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן זַיין הַאנְט עֶר זָאל זִיךְ אָנְלַיינֶען דֶערוֹיף, "**אָמַר לֵיהּ**" הָאט רֵישׁ לָקִישׁ גֶעזָאגְט צוּ רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, ... פְרֶעגְט דִי גְמָרָא: "**וְרֵישׁ לָקִישׁ מִי מִשְׁתָּעֵי בַּהֲדֵי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה**", צִי הָאט דֶען רֵישׁ לָקִישׁ גֶערֶעדְט מִיט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה? "**וּמָה רַבִּי אֶלְעָזָר דְּמָרָא דְּאַרְעָא דְּיִשְׂרָאֵל הֲוָה וְלֹא הֲוָה מִשְׁתָּעֵי רֵישׁ לָקִישׁ בַּהֲדֵיהּ, ... בַּהֲדֵי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה מִשְׁתָּעֵי?**" מַה דָאךְ רֵישׁ לָקִישׁ הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט רַבִּי אֶלְעָזָר - וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קֶען דֶען זַיין אַז מִיט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט עֶר יָא גֶערֶעדְט?! עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא...

### יַרְדֵּן אִיז מְסוּגָל פַאר בִּטָּחוֹן

עֶטְץ זֶענְט שׁוֹין גֶעוֶוען אִין יַרְדֵּן? וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיט דִי בָּחוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבְל'ן אִין יַרְדֵּן, וַוייל דֶער רַבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בִּטָּחוֹן, אוֹת יז): "מֵי הַיַּרְדֵּן הֵם סְגֻלָּה לְבִטָּחוֹן", זִיךְ טוֹבְל'ן אִין יַרְדֵּן אִיז מְסוּגָל פַאר בִּטָּחוֹן.

### רֵישׁ לָקִישׁ אִיז אוֹיסְגֶעוואקְסְן אַן אֲמוֹרָא

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ שֵׁיינֶע טַעַם פַארְוָואס רֵישׁ לָקִישׁ פְלֶעגְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן, וַוייל רֵישׁ לָקִישׁ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען יוּנְגֶערְהֵייט אַ רוֹיבֶער, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בָּבָא מְצִיעָא פד.) אַז רַבִּי יוֹחָנָן הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן בָּאדְן אִין יַרְדֵּן אִיז רֵישׁ לָקִישׁ אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִינֶעם יַרְדֵּן, הָאט אִים רַבִּי יוֹחָנָן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען?" הָאט אִים רֵישׁ לָקִישׁ גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט אַזַא שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ וָואלְסְט גֶעקֶענְט מַאכְן גֶעלְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת (רַחֲמָנָא לִצְּלָן)", הָאט אִים רַבִּי יוֹחָנָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז שֶׁענֶער פוּן מִיר, אוֹיבּ דוּ זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען גֶעבּ אִיךְ דִיר מַיין שְׁוֶועסְטֶער פַאר אַ וַוייבּ", הָאט רֵישׁ לָקִישׁ טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער אֲמוֹרָא 'רֵישׁ לָקִישׁ', אוּן רֵישׁ לָקִישׁ אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁוָואגֶער מִיט רַבִּי יוֹחָנָן. דֶערְפַאר הָאט רֵישׁ לָקִישׁ נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ גֶעקֶענְט אַלֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ רוֹיבְּן, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן עֶס קֶענֶען אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן אִים, מֶענְטְשְׁן זָאלְן גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אַנְדֶערֶע, הָאט עֶר נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם.

### אִין אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אִין אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט אַ דַף גְמָרָא, אוּן מִיר הָאבְּן נָאךְ אַבִּיסְל גֶעשְׁמוּעֶסְט אִינְמִיטְן חִיזּוּק.

### אַ שְׁטָאט עַל שֵׁם רַבֵּינוּ

אִיךְ בִּין אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אַהֶער וַוייל אִיךְ ווִיל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין, אַז מֶען בּוֹיעֶט אַ שְׁטָאט עַל שֵׁם רַבֵּינוּ, 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב', דַארְף עֶס זַיין גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף תּוֹרָה.

### עֶכְט בִּין אִיךְ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער...

אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז מֶען רֵיין, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט מֶען אַ כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע.

הַיינְט אִיז אַזַא שְׁוֶוערֶע וֶועלְט, מֶען קֶען זִיצְן מִיט אַ קְלֵיינֶע טֶעלֶעפָאן אוּן 'עֶכְט בִּין אִיךְ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְקוּקְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין גֶעזֶען וְכוּ'", וִוי אַזוֹי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע? נָאר אַז עֶר הָאט דִי תּוֹרָה מִיט זִיךְ!

### וָואס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן פוּן דַיין בִּיזְנֶעס?

הַלְוַאי דוּ זָאלְסְט קוּמֶען יֶעדֶע נַאכְט צוּם שִׁיעוּר; וָואס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן פוּן דַיין בִּיזְנֶעס? מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן, מֶען דַארְף מַאכְן פַּרְנָסָה, אָבֶער דָאס אַלֶעס אִיז גוּט בִּיז פִינְף זֶעקְס אַזֵייגֶער, דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען אַהֵיים, מֶען הֶעלְפְט אַבִּיסְל מִיט דִי קִינְדֶער, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען. נֶעם זִיךְ אַ חַבְרוּתָא, נֶעם אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן לֶערְן דֶעם דַף גְמָרָא. מֶען מוּז קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִינְדֶערְפְרִי, מוּז מֶען קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּיינַאכְט. מֶען מוּז קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ!